Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּרץ

Mosḳṿe, 1943

1942 יולי

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

אין הימל מיט די טרויבן זיך געטאָן א גראָב אריין,
באגינענס אף די אקסל שמעלצנדיק צעווייעט —
און טויט-געפערלעכע הארמאטן פארן פייַנט
זיך יאָגן זינגענדיק אראָפּ פון די קאָנווייערס,

און ס'בליט מיט פראכט פון פרילינג א פארמעסט,
און גאנצע געגנטן אין דראנג זיך רופן איבער:
וואָס גיכער אויסגלייען די בלוטיק-ברוינע פּעסט
פון פעלדער און פון שטעט געפאנגענע און טריבע...

די טראכט פון בערג מיט צאָרן זיך צעפראלט,
מיט שוועס רייַסן זיך די הערצער די צעגליטע:
אין מאָסקווע הערט דער שמעלצ זיך פון אוראל,
דער פראָנט פארלייגט די דאָמנעס פון מאגניטקע,

עס ווארפן שטערן זיך אין זיי אליין פון דר'הויך,
דאָס פייַער אָפּגעבן דער שלאכט צושטייַער,
און ס'רייַסט אין וווקס א יעדער בוים זיך מיט פארטרוי,
א יעדעס גהאָז ציט אויס זיך טויקער, געטרייַער,

און ס'טראָגט דער ווינט פון בליונג דעם גערוך,
מיט צוויט באדעקן אָפּגעברענטע שייַערס.
דער הימל קיינמאָל ניט געווען איז אזוי הויך,
און קיינמאָל ניט געווען די ערד איז אזוי טייַער

ווי איצט, ווען אָנגעטאָן אין רויטארמייש קלייד,
איז זי מיט זאפט מיט גרינעם פול איבער די ברעגן,
און שלאכטנדיק און גראָד אנטקעגן רום זי גייט,
ווי ס'גייט די זון דעם פרילינג אף אנטקעגן.

★✦★

## יול 1942

די היץ פון יול איז אויסגעמישט מיט פייַער פון געווער,
און גאָלד פון רייַפנדיקן ברויט — מיט בלוט פון די באצווינגער;
עס שטייַגט דער איינס-אף-איינס אין גענעמדיק געפעכט
פאר יעדן זאנג, פאר יעדן בוים, פאר יעדן ציגל.

מיט וואָרצלען קלאמערט אין דער ערד זיך יעדער שטאם,
די היץ אין סטעפּ צעפלאסטערט איז וואטראָניש;

פארכלינעט האָט די שלאנג אין פײַער און אין פלאם
זיך בא די ווענט פון אלטן רוסישן וואָראָניעזש.

און בלוטנדיק נאָך מער, דעם גיפטן-שלונג זי שפארט
און ווארפט זיך ברענענדיק פון אָרט צו אָרט דאָרט,
א יעדער הויף: ערד הייבט אוף זיך ווי א בארג
און כראָמקענדיק צעקײַט א האָרדע נאָך א האָרדע,

און שטעלט זיך מוטיק קעגן בערג פון שטאָל,
וואָס זייער צאָל איז ניט געציילט און ניט געמאָסטן;
עס שוועבט אפ יעדער רוסלענדישער שטאָט
דער רום דער הערלעכער פון שלאכטן אונטער מאָסקווע.

ניט צולאָזן דעם פײַנט! ניט אָפטרעטן פון ראנד!
די ערד די רוסישע ניט לאָזן צו פארשוועכן!
פון סוינעס שארבנס אופשטעלן א וואנט
און זײַן געווער ווי בראָך מאציייוועדיק פארשטעכן!

די היץ פון יול פארפלייצט. די שלאכט איז אין זעניט.
אפ וואָגשאָלן — גוירןאָלעס לייגן זיך צעפלאקערט;
אנטקעגן שטאָל און אײַזן — שטאנדהאפט פון גראניט!
אנטקעגן מערצאָל — האס און ווונדער פון געוואגטקייט,

וואָס ווייסט אין שלאכט קיין אָפהאלט און קיין צאם,
וואָס פלעפט דעם טויט און וואָס איז גויווער זײַנע קלעמער.
עס שוועבט דער העלדן-צויבער פון וואָלאָקאָלאמסק
און דער געשטאָלטער גײַסט דער הויכער פונעם קרעמל...

דער סוינע קריכט אין פאנצערס דרײַפאכיק פארטאָן
צו יאמען ווייִצ צו גאָלדענע, וואָס טריפן; —
די שלאנג מיט אָפגרונטן באגעגן, שטילער דאָן,
דערטרינק זי א צעברעקלטע אין דײַנע ברויזנדיקע טיפן!

און דײַנע פרײַע סטעפעס ניט פארשוועכן לאָז
און כאָרעוו מאכן לאָז איִם ניט די בליִענדע סטאניצעס,
ווו לידער יונג-קאזאקישע מיט לויטערן צעגאָס
פאנאנדערטראָגן איצט פון דײַנע טעכטער אפן שניט זיך.

די אָדערן ער רײַכט זיך דורכהריזען דיר, דאָן,
זאָל בא דײַן בליִענדיקן ברעג זײַן לעצטער בראָך זײַן!

עס זאָטלען פעסטונגען געפאַנצערטע די זינ דיַינע איצט אָנ,
ווי פערד קאַזאַקישע זיי זיַינען דיַינע זינ געהאָרכזאַם!

אונ שטאָל — אַנטקעגנ שטאָל! אונ צאָל אַנטקעגנ צאָל!
אונ קעגנ מערצאָל — האַס אונ העלדישע געוואַגנ!
פאַר יעדנ בוים — מיט לעבנ דריַיפאַכיק באַצאָל!
פאַר יעדנ זאַנג — אײנײנעם מיטנ פאַנצער פּלאַקער!

ער שטיַיגט, דער אײנס-אָפּ-אײנס, פונ אונטער פלאַם אונ האַס,
די האָרדעס וויַיטער ריַיסנ זיכ אונ שפּאַרנ,
ס'איז יול. נאָר ס'וועקט זיַינ שניי-רוקנ דער באַרגיקער קאַווקאַז,
ער טוט אַפּ שטורעמ אָנ זיכ שוינ אינ כמאַרעס.

די היצ פונ יול צעשמעלצט. די שלאַכט איז אינ זעניט.
אַפּ וואָגשאָלנ — גוירלאָלעס לייגנ זיכ צעפּלאַקערט:
אַנטקעגנ שטאָל אונ איַיזנ — שטאַנדהאַפט פונ גראַניט!
אַנטקעגנ מערצאָל — האַס אונ ווונדער פונ געוואַגטקיַיט!

——— ★✦★ ———

## דאָס דריַי־אונ־פערציקסטע

עס קלינגט די צוועלפטע שאָ, פאַרשליסנדיק דאָס יאָר,
דאָס יאָר פונ פיַינ אַפּ גאָר דער ערד פאַרזייטנ.
פאַר די אַפּאָסטאָלנ פונ מאָרד, פונ גוואַלדטאַט אונ פונ יאָכ
טראָגט זי דעמ איבערקלאַנג דעמ גרויזאַמענ פונ קייטנ
מיט א לעוויַיעדיקנ גלאָק באַנאַנד,
אינ אונטערגאַנג אינ שענדלעכנ דערמאַנענד.
זי שוועבט איבער דעמ שוואַרצנ קייווערדיקנ ראַנד
אונ וועקט די טפּיסעדיקע האַלבנאַכט פונ גערמאַניע:
— זאָלנ די קלאָווימ-ריטער אופשטיינ פונ דער גרוב
אונ די אַנטבלויזטע שאַנד די פינצטערע דערזענ דאָ,
וואָס זיי האָבנ אינ בלוט, אַלס זייער שטאָלצ אונ רומ,
אינ די יאָרהונדערטנ מיט גיַיווע אָנגעווענדעט
אונ איבער גאָר דער ערד פאַרברעכעריש געפּרווט
די מאַכט פונ מאָרד אונ רויב אונ פונ באַצווונג צו שאַפנ,
ווי דיַיטשלאַנדס גראַדנ, איַיזערנעמ באַרופ
אינ איר געזאַלבטקיַיט הערשנ אונ פאַרשקלאַפנ.